בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ראה תשפ"ו | שבת מברכין אלול | גליון 850 [שנה י"ח]

**דער אויבערשטער גיט גוטס פון פאראויס**

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה: אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם, וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ: (יא כו–כז) אלע פרעגן פארוואס ביי די ברכה שטייט דיווארט אֲשֶׁר, א לשון עתיד, וואס דו גייסט טאן, און ביי די קללה שטייט אִם, א לשון עבר, אויב דו וועסט דא טאן? נאך בפשטות קען מען ענטפערן אז עס שטייט אידן זענען בנים למקום: דער אויבערשטער פירט זיך מיט אונז ווי א טאטע צו זיין קינד, און דער שטייגער פון א טאטע איז, אויב ער וויל אז דאס קינד זאל זיך אויפירן גוט, גיט ער אים פון פאראויס א מתנה אז ער זאל גיין אויפן גוטן וועג, ער גיט אים זיין שכר פון פאראויס, און אויך נאך וואס דער קינד פירט זיך אויף גוט, גיט אים זיין טאטע נאך א מתנה, אבער ווען עס קומט צו באשטראפן א קינד קען דאס נישט זיין איידער דער קינד פירט זיך נישט אויף גוט, ווייל א שטראף איז נאר נאכן נישט זיין גוט, אזוי פירט זיך אויך דער אויבערשטער מיט אונז, ער זאגט צו גוטע שכר איידער מיר זענען מחויב אין זיין באפוילט, אזוי ווי מען זעהט ער האט אונז מקדים געווען און געגעבן א מתנה די הייליגע ארץ ישראל נאר אויף דעם תנאי אז מיר זאלן היטן זיינע מצוות, ווי עס שטייט: וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ: (תהלים קה מה) איז דאס א מתנה פון פריערט און שכר אויף היטן די מצוות, און הגם דער אויבערשטער האט געוואוסט אז מען גייט זינדיגן, פונדעסטוועגן איז דער משפט פון מענטש נישט אויפן עתיד, נאר ערשט נאכדעם וואס מען האט שוין עובר געווען, ווי מיר געפינען ביי ישמעאל: כִּי שָׁמַע אֱלֹקִים אֶל קוֹל הַנַּעַר בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם: און מען דרשענט אין גמ' (ראש השנה ט"ז ע"ב) **אָמַר רַבִּי יִצְחָק אֵין דָּנִין אֶת הָאָדָם אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו שֶׁל אוֹתָהּ שָׁעָה**, מען איז נאר דן דעם מענטש לויט די מעשים וואס ער טוט יעצט, און נישט לויט דעם וואס ער וועט טאן, מיט דעם איז גוט אונזער פסוק: פארוואס שטייט ביי דער קללה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ לשון עבר? ווייל ערשט ווען מען הערט זיך נישט צו, קומט די קללה, אבער ביי אֶת הַבְּרָכָה, שטייט אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ, א לשון עתיד, ווייל ביי די ברכה גיט דער אויבערשטער שוין פאראויס, אבער וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ, שטייט א לשון עבר, ווייל דער עונש איז נאר נאך מען האט נישט געפאלגט. (אפריון לבעל קיצור שו"ע מבואר ע"י שמח זבולון תשפ"ו)

**דרוש מיט אמונה אין השגחה פרטית האט מען נאר ברכה**

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה: אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם: (יא כו–כז) מען קען מסביר זיין לויט ווי עס שטייט אין ספר פרי הארץ פון הרה"ק ר' מענדיל מוויטעבסק זצוק"ל אויפן פסוק וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה (חבקוק ב) אַז דער צדיק וואָס גלויבט אַז דער אויבערשטער איז מיט אים, און דער זאך וואס איז געקומען איז מיטן פולן השגחה פון אויבערשטן, דעריבער האט דער צדיק א כח צו איבערדרייען די זאך צו א ברכה און לטובה, און דאס איז פשט אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם, דאס מיינט אֶת הַבְּרָכָה, אז איר וועט שטענדיג האבן א ברכה, אֲשֶׁר, אויב, תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם, איר וועט דערהערן און גלויבן אז אלעס פירט דער אויבערשטער מיט השגחה פרטית, און דאס זעהט מען אין די גמ' (ברכות דף ס ע"ב) ביי רבי עקיבא וואָס האָט שטענדיג געזאָגט כָּל דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד, אלעס איז געטאן געווארן פון אויבערשטן לטוב, ווייל ער האט געהאט אמונה אין השגחה פרטית, האט זיך ביי אים אלעס איבערגעדרייט אויף גוטס, אויב אַזוי איז גוט דער ענין פון רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן "לִפְנֵיכֶם" הַיּוֹם: אֶת הַבְּרָכָה, אויב דו ווילסט אלעמאל האבן א ברכה און עס זאל זיין גוט, דאס איז לִפְנֵיכֶם, אין אייערע הענט, האב שטארק אמונה אז אלעס פירט זיך פון אויבערשטן, און עס וועט אלעס זיין בְּרָכָה. (אך פרי תבואה הרה"ק מליסקא) לפי"ז קען מען מקשר זיין דעם פסוק צו רְאֵה נָתַתִּי לְפָנֶיךָ הַיּוֹם אֶת הַחַיִּים וְאֶת הַטּוֹב וְאֶת הַמָּוֶת וְאֶת הָרָע: וגו' (דברים ל' ט"ו) און איןביידע פסוקים שטייט רְאֵה און נָתַתִּי ענין פון נתינה, און לְפָנֶיךָ פאר דיר, און הַיּוֹם, היינט, נאר ווייל אלעס ווענדעדט זיך אין דיר רְאֵה נָתַתִּי "לְפָנֶיךָ", עס איז אין דיינע הענט, און דער אויבערשטער האט געגעבן א געוואלדיגע מתנה, הַיּוֹם היינט, גלויב מיטן אמת אז אלעס וואס געשענט איז געטאן בהשגחת הבורא ית"ש, וועט אלע זאכן ווערן נאר טוב און א ברכה. (שמח זבולון תשפ"ו)

**פארוואס שטייט ונתן "לך" רחמים?**

וְנָתַן לְךָ רַחֲמִים וְרִחַמְךָ וְהִרְבֶּךָ כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ: (יג יח) שטייט אין ספרי (ילקוט שמעוני רמז תתפ"ט) מסביר זיין דעם פסוק וְנָתַן לְךָ רַחֲמִים, פארוואס שטייט וְנָתַן "לְךָ" צו דיר, עס וואלט געקענט שטיין וְנָתַן רַחֲמִים וְרִחַמְךָ? זאגט רַבָּן גַּמְלִיאֵל בְּרַבִּי, אויב דו וועסט מְרַחֵם זיין עַל הַבְּרִיּוֹת דעמאלטס מְרַחֲמִין עָלֶיךָ מִן הַשָּׁמַיִם, וועט דער אויבערשטער רחמנות האבן אויף דיר איז פשט אזוי: וְרִחַמְךָ, אויב דו וועסט האבן רחמנות אויף אנדערע, וועט זיין וְנָתַן "לְךָ" רַחֲמִים, וועט דער אויבערשטער רחמנות האבן אויף דיר, זאגט דער ספרי פשט פון וְהִרְבֶּךָ כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר (בראשית כו, ד) "וְהִרְבֵּיתִי אֶת זַרְעֲךָ כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם". איך וועל פארמערן דיינע קינדער אזוי ווי די שטערן פון הימל, און דאס שטייט דא אין פסוק כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ, הַכֹּל בִּזְכוּת אֲבוֹתֶיךָ, איך וועל אייך מערן, אלעס איז אין זכות פון דיינע אבות עכ"ד הספרי. מען קען מסביר זיין דעם ספרי, לויט וואס די מפרשים שרייבן ביי יעקב אבינו, אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן אלעס נאר אין זכות פון זיינע עלטערן און נישט אין זכות פון זיך אליין, ווייל דער אויבערשטער האט געוואלט אז זיינע זכותים זאל ער געבן פאר זיינע קינדער ווייטער, ווייל אויב ער וועט אויסנוצן זיינע זכותים, פון וועלכע זכות וועלן זיינע קינדער האבן? אבער ביי א רשע, אויב ער וועט אויסנוצן דעם זכות אבות, וואס וועלן זיינע קינדער האבן עס וועט גארנישט איבערבלייבן פאר זיי, דעריבער האט דער אויבערשטער רחמנות אויפן רשע, אדער ער האט נישט קיין קינדער, אדער ער אליין ווערט א עני און זיינע קינדער וועלן נוצן זיינע זכותים, לפי"ז איז פשט אין דער ספרי: וְנָתַן "לְךָ" רַחֲמִים, דאס הייסט דער זכות פון דיינע אבות וועל איך דיר געבן, ווען? "וְרִחַמְךָ", כל זמן וואס דו ביזט מרחם אויף די בריות, און דו ביזט א צדיק, ממילא וועט בלייבן א זכות פאר דיינע קינדער, און "וְהִרְבֶּךָ" דו וועסט האבן קינדער, ווי עס שטייט "וְהִרְבֵּיתִי אֶת זַרְעֲךָ", און זיי וועלן האבן דיין זכות, "כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ", דאס הייסט פאר דיר וועסטו האבן דער זכות פון דיינע אבות, און פאר דיינע קינדער וואס קומען נאך דיר, וועט בלייבן דיין זכות. (אמירה נעימה הגאון הגדול רב חיים גבריאל בלוך אב"ד אלעסק וסטאנאב בנו של הרה"ק ר' יוסף בעל גנזי יוסף תלמיד הבעש"ט)

## מדור העובדות

## *****דער הייליגער רבי ר' יעקב דוד פון אמשינוב זצוק"ל ווייזט וואס הייסט אהבת ישראל*****

הרה"ק רבי יעקב דוד קאליש דער ערשטער רבי פון אמשינוב זצוק"ל, (נפ' ד' כסליו תרל"ח) פלעגט פארן אזוי ווי דער מנהג פון זיין טאטע הרה"ק רבי ישראל יצחק דער אלטער רבי פון ווארקא, (נפ' כ"ב ניסן תר"ח), פלעגט אויך זיין זון דער אמשינובער רבי אין א צייט פון צרה קיין ווארשא צו די גרויסע לייט פון די מלוכה, כדי צו ראטעווען די אידן פון די גזירות וואס די מלוכה פלעגט גוזר זיין אויף די אידישע קינדער, און משתדל זיין אפצושטעלן די ביטערע גזירות אויף די אידישע קינדער.

איינמאל ווען דער אמשינובער רבי איז געווען אין ווארשא פאר צרכי הכלל, האט דער רבי שוין געענדיגט זיינע פילע הכנות צו תפילת שחרית און האט שוין ארויפגעלייגט זיין טלית אויפן אקסל, איז געקומען א פרוי און האט געוואלט אריינגיין צום רבין, אבער דער גבאי ר' הערשל האט איר נישט געוואלט אריינלאזן, ווייל ער האט געטראכט אז יעצט איז נישט די צייט אריינצוגיין צום רבין, און זי זאל קומען א אנדערע מאל, די פרוי האט אנגעהויבן שטארק צו וויינען אויפן קול, און איז ארוים פון שטוב.

דער רבי האט געהערט פון זיין צימער די וויינען און האט געעפנט די טיר און געפרעגט דעם גבאי: ווער איז דא געווען יעצט? האט דער גבאי געענטפערט א געוויסע פרוי האט געוואלט אריינגיין, און דו האסט איר נישט געלאזט אריינגיין? האט דער רבי אויף אים געשטורעמט, עס טוט דיר נישט וויי דאס הארץ פון אידישע טרערן? גיי שנעל, רוף איר צוריק! גלייך איז דער גבאי געלאפן רופן די פרוי, און דער רבי איז געשטאנען און געווארטביים טיר פון שטוב, נאך אלץ מיט דעם טלית אויפן אקסל.

ווען די פרוי איז צוריקגעקומען, האט דער רבי איר געפרעגט וואס זי האט געוואלט? האט זי געזאגט אז איר מאן האט אנגעהויבן צו שיכור'ן און ער שרייט און סטראשעט איר, האט דער רבי איר געפרעגט: פארוואס סטראשעט ער דיר? האט זי געענטפערט: ווייל איך האב א ברודער אין פראג וואס ער איז א עושר, און מיין מאן וויל איך זאל גיין צו אים בעטן געלט, האט דער רבי איר געפרעגט: פארוואס גייסטו טאקע נישט צו אים? האט זי געענטפערט: איך בין שוין געווען ביי אים עטליכע מאל, און פון ווען מיין מאן האט אנגעהויבן צו שיכור'ן, וויל ער מער נישט געבן קיין געלט, האט דער רבי איר געפרעגט וואו וואוינט איר ברודער אין פראג, און זי האט אים געזאגט, האט דער רבי איר געזאגט: זארג זיך נישט, איך וועל שוין אלעם מסדר זיין.

דער רבי האט אראפגענומען זיין טלית און גערופן הרה"ח ר' הירש לייב, דער ברודער פון רבי משה בוים, וועלכער איז געווען פון רבינס נאנטע מענטשן און פלעגט אפט באגלייטן דעם רבין אין זיינע נסיעות פארן כלל, זיי האבן גענומען א וואגן און געפארן קיין פראג, ווען זיי זענען אנגעקומען, האט דער רבי גלייך געפארן צום הויז פון הגאון רבי יהושע נוימאן, דער רב פון פראג, און אים געבעטן ער זאל אים באגלייטן צום עושר'ס הויז, און געזאגט איך דארף פון דיר נאר אז דו זאלסט זאגן ווער איך בין, און דער רב האט מסכים געווען, און אלע דריי זענען געגאנגען צום עושר'ס הויז.

ווען זיי זיינען אנגעקומען, האט דער עושר זיי אויפגענומען מיט גרוים כבוד, און זיי אריינגעפירט אין א זאל און מכבד געווען דעם רבין מיט א גלאז טיי, אבער דער רבי האט זיך אפגעזאגט פון צו טרינקען, און געזאגט אז די טיי וועל איך נאך טרינקען ביי דיר, אבער נישט יעצט, און דער רבי האט אים געפרעגט: דו האסט דאך א שוועסטער, פארוואס העלפסטו איר נישט? האט ער געענטפערט: ווייל איר מאן איז יעצט א שיכור! האט דער רבי געזאגט: וועגן דעם בין איך געקומען צו דיר! דו זאלסט העלפן דיין שוועסטער מיט א סכום פון 3 רובל א וואך במשך פון דריי יאר, און נאכדעם וועט זי שוין נישט דארפן קיין הילף, איך זאג דיר דאס צו! יעצט קען מען שוין טרינקען די טיי.

דער רבי האט געזאגט, אז דער רב פון פראג וועט זאגן אויף מיר, אז חוץ דעם וואס איך בין א רבי, בין איך אויך א רב, און א רב טוט אלעם בכתב, דער רבי האט געמאכט א תנאי מיט אים, אז פאר א יאר מיט א האלב זאל ער אפצאלן אין מזומן גלייך אויפן ארט, און פאר דעם צווייטן יאר מיט א האלב זאל ער שפעטער צאלן, און זיי האבן אלץ אנגעשריבן אין א קלארן כתב.

און דער רבי האט זיך געווענדט צום עושר און געזאגט: חוץ וואס איך בין א רבי און א רב, בין איך אויך א סוחר, און א סוחר מאכט א געשעפט מיט א שטר חוב, דעריבער פארן צווייטן יאר מיט א האלב, זאלסטו יעצט געבן א שטר חוב, און דורך די געלט מיט די שטר חוב וועט דיין שוואגער זיך קענען אליין מסדר זיין מיט זיינע אייגענע כוחות, דער רבי האט צוגעגעבן און געזאגט: איך זאג דיר צו אז נאך פאר די דריי יאר וועט ער שוין נישט זיין א שיכור און ער וועט נישט דארפן דיין געלט אלץ א הילף.

דער עושר האט געקלערט א ביסל צייט, אבער צום סוף האט ער געגעבן דאס גאנצע געלט אריינגערעכנט די שטר חוב, נאכדעם ווי דער רבי האט באקומען די געלט און די שטרות, האט דער רבי געזאגט: יעצט קען מען שוין גיין, דער רבי האט געדאנקט דעם עושר און האט זיך געזעגנט פונעם רב פון שטאט וואס איז צוריק געגאנגען צו זיין הויז, און דער רבי און ר' הירש לייב צוזאמען מיטן עושר זענען געפארן צום הויז פון די פרוי, זיין שוועסטער.

דער רבי האט געמאכט שלום צווישן די פרוי און איר מאן, און געזאגט ער האט דא געלט זיי זאלן זיך שטעלן אויף די פיס, אבער דער רבי האט געפאדערט א "תקיעת כף" פונעם מאן אז ער וועט שוין אויפהערן צו טרינקען, און דער רבי האט אים געגעבן דאס גאנצע געלט און די שטרות, ערשט נאכדעם איז דער רבי צוריקגעקומען צו זיין הויז צו גיין דאווענען שחרית, זיין אהבת ישראל ראטעווען א שטוב איז געווען פונקט אזוי חשוב ווי זיין דאווענען! זיע"א.

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

ספר אמרי ברוך ויזניץ דפו"ר $900 ספר אהבת ישראל וויזניץ דפו"ר $700, הגדה פרי חיים שהשתמש בו בעל חלקת יהושע מביאלא $3000 חי' הרשב"א עם חתימת הגאון ר' שמשון אהרן פולאנסקי מטעפליק $600 דולר שנתן ובירך האדמו"ר מטאש זצוק"ל לחתן הבאבא סאלי $2000 ספר טורי אבן דפוס ראשון עם חתימת הגאון רב שמעון לאנגסאם בעל שלמי רגלים על חגיגה אב"ד מעליץ $1500 ספר מקצוע בתורה להגאון מפלאצק דפו"ר עם חתימה וחותמת הרה"ק ר' משה ירוחם מארגנשטערן בנו של הרה"ק ר' מנחם מענדל מקאצק זצוק"ל $2000 ספר פרשת דרכים דפוס ראשון עם חתימות והגהות הגאון רב שלמה חכים בעל מלאכת שלמה שאלוניקי תרכ"ג וגם חתימת נכדו ר' דוד חכים $1000 סעט ערבי נחל שבירך ונתן הרה"ק מטאהש זצוק"ל לבחור שנבחן על סוגיא בש"ם עם אישור $800 זמירות שבת שבירך ונתן הרה"ק בעל מאור ישראל מסקולען תשע"ט לתומך $750, איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת וחותמת הר' עזריאל הילדסהיימער $650 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' חיים יעקב ב"ר יהודה דוב פיינשטיין שהיה שד"ר מצפת $600 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' אברהם יצחק וויינבערגער מקליינווארדיין ובניו ותלמידו ר' צבי הירש בלום $700 ישמח משה שייך להרה"ק מטאש עם כתב ידו מעיר טאש עם אישור $10000 ספר דינים ומנהגים לביהכ"נ דחברת אחים ברעסלויא תקצ"ג לא ידוע $2000 חומש ויקרא סלאוויטא עם חתימת הרה"ק ר' חיים מקאסוב בעל תורת חיים $45000 גמ' שלמד בו הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק $2500 תהלים שאמר בו הרה"ק ר' שלמה מבאבוב כל חודש אלול תשנ"ח $15000 דפו"ר קדושת לוי מהדורא תנינא תקס"ו חסר השער ו6 דפים $4500 ספר מעבר יבוק זיטאמיר $2000 מכתב הרה"ק ר' מנחם מנדל מפביאניץ הי"ד $1500 מכתב המנחת אלעזר עם ראשי הקהל לחתונת בתו עם ברכתו $8000, מכתב ארוך שנת תש"ז מאגודת ישראל ארה"ב מבקשים עזרה מאגודת ישראל לונדון עזרה חותמים אדמו"ר מבלאזוב, ר' אלי' מאיר בלאך, ר' שמעון שוואב, אלימלך טרעס ור' הענדעלס $3800 מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראוויצא $1800 ספר עם הגהות השפת אמת מגור עם האמרי אמת והרה"ק ר' משה בצלאל $60000 ספר שייך להתפארת עוזיאל תלמיד המגיד ממעזריטש וגם השפת אמת מגור $35000 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $3000 כל אחד, ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $3500

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:00,

To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com*.